**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:51
מוצאי שב"ק....................8:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................אסתר ה'-ו'
בבלי.........................הוריות י"ב
ירושלמי.....................סוטה ו'
תוספתא.................בכורות א'
רמב"ם............שאלה ופקדון א'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תבא, כ' אלול, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ג'-ד'
שנה 14, גליון 50 (718)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל, נָאךְ דִי פִילֶע תוֹכָחָה, דִי שְׁטְרָאף רֵייד, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָוארְנְט אָן דִי אִידְן אַז אוֹיב מְ'וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועט קוּמֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַז דָאס וֶועט קוּמֶען וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גוּט הַארְץ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס זָאל קוּמֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים בְּלוֹיז דֶערְפַאר וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵייליךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אָדֶער אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, נָאר אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

שִׂמְחָה הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זי"ע הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, מֶער וִוי עֶר וָואלְט וֶוען פַארְדִינְט דִי וֶועלְטְ'ס גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵייליךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אוּן אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז שִׂמְחָה אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵייליךְ, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רְפוּאָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין גוּט פַארְוָואס אַלֶע קְלָלוֹת אוּן תּוֹכָחָה קוּמְט וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין עֶרְליךְ אוּן וואוֹיל, אוּן דַאן וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן דוּרְךְ זַיין שִׂמְחָה.

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵייליךְ? דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אַז וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט, אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג, זֶען דִי רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶועט עֶר קֶענֶען אַלְץ זַיין פְרֵייליךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, דָאס וֶועט אִים אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס לֶערְנֶען מִיר אוֹיךְ אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, דִי מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען בִּיכּוּרִים, מְ'דַארְף בְּרֶענְגֶען דִי עֶרְשְׁט גֶעצַייטִיגְטֶע פְרוּכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז. דֶערְפַאר זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ", דִי מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט, וֶוערְט מֶען פְרֵייליךְ, אוּן דַאן וֶוערְט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף.

(תּוֹךְ הַנַּחַל כִּי תָבֹא תשע"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִּיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'וִויל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זוּכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר

<<<<<<

### אַ גוּט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וִוי אֵיינֶער וֵויינְט אוּן חַזְרִ'ט אוֹיפְן קוֹל דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כא): "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", דִי דְרֵיי זַאכְן, מְקַנֵּא זַיין, אוּן תַּאֲווֹת, אוּן גְלִיסְטְן כָּבוֹד – נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; יֶענֶער הָאט גֶעוֵויינְט בַּיים צִיּוּן אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צוּלִיבּ אַבִּיסֶעלֶע קִנְאָה, צוּלִיבּ אַבִּיסֶעלֶע תַּאֲוָה אוּן אַבִּיסֶעלֶע כָּבוֹד – זָאל אִיךְ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט", אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהֶערְט זַיינֶע בְּכִיּוֹת הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט מֶען זָאל זַיין רֵיין פוּן דִי זַאכְן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, מִיר פָארְן שׁוֹין אָט אָט צוּם צִיּוּן הַמְצוּיֶּנֶת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן תשפ"ה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז פַאר אוּנְז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן תשפ"ה וָואס מִיר זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת וֶועלְן מִיר שׁוֹין זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, טַאנְץ מִיט דִי קִינְדֶער: "אוֹי וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ אִיד, אוֹי וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין אַ אִיד"; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִיט אֵיין שַׁבָּת וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶעס.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְן מִיר סְלִיחוֹת, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה' זָאגְן סְלִיחוֹת אִין שְׁטֶעטְל. דִי סְפַרְדִי'שֶׁע טַייעֶרֶע אִידְן זָאגְן שׁוֹין אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל סְלִיחוֹת, מִיר אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע אִידְן גֵייעֶן אָנְהֵייבְּן זָאגְן סְלִיחוֹת מוֹצָאֵי שַׁבָּת, מִיר גֵייעֶן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צֶערַייסְן אַלֶע גְזֵירוֹת, דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת וָואס דִי מְקַטְרִיגִים ווילְן גוֹזֵר זַיין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע פָאלְק. מִיר גֵייעֶן שְׁרֵייעֶן: "זוֹחֲלִים וְרוֹעֲדִים" מִיר זֶענֶען אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן מִיר צִיטֶערְן, "מִיּוֹם בּוֹאֲךָ" פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס קוּמְט, "חָלִים כְּמַבְכִּירָה" מִיר צִיטֶערְן אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי גֵייט צוּם עֶרְשְׁטְן גֶעבּוּרְט, מִיר בֶּעטְן דִיר, "טִנּוּפָם מְחֵה נָא" מֶעק אוֹיס אוּנְזֶערֶע זִינְד, זַיי אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, "וְיוֹדוּ פִלְאֲךָ" אוּן מִיר וֶועלְן דִיךְ נָאר לוֹיבְּן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן נָאכְאַמָאל זָאלְסְט שַׁבָּת זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, גֵיי אִין שׁוּל, נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין דַיינֶע חֲבֵרִים אִין שׁוּל, זִיץ מִיט זֵיי, לוֹיף נִישְׁט צוּ חֲבֵרִים, גֶעבּ זִיךְ מִיט זֵיי אָפּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גוּט גֶעלֶערְנְט וָואס חֲבֵרִים מֵיינֶען, מֶען שְׁמֵייכְלְט אִין פָּנִים אוּן הִינְטֶערְן רוּקְן שְׁטֶעכְט מֶען מִיט אַ מֶעסֶער. זִיץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייז זֵיי וִוי מֶען דַאוֶוענְט, מִיט שִׂמְחָה, מִיט גֶעשְׁמַאק. נָאכְן דַאוֶוענֶען גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ, צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה, בְּלַייבּ נִישְׁט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן, דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן אוֹיף דִיר, זֵיי ווילְן זֶען דַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת.

גְרֵייט אָן דִי לֶעכְט, בְּרֶען אָפּ דִי קְנוֹיטְן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן שַׁיינֶען אִין תּוֹרָה. בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט לֶעכְט, לוֹיף נִישְׁט אַרוֹיס, גֵיי אִין מִקְוֶה פְרִי, בַּיים לֶעכְט צִינְדְן זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט אַ סִידוּר זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים. בּוֹי דַיין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְט, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי פְלִיטֶעס וָואס דֶערְמַאנֶען זִיךְ בַּיים זְמַן אַז מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זִיךְ אָפְּבָּאדְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, בּוֹי דַיין שְׁטוּבּ רִיכְטִיג.

מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

ז. אֲמִירַת תְּהִלִּים סְגֻלָּה לְהוֹרִיד גְּשָׁמִים. "תְּהִלִּים" לִ'מְטַר הַ'שָּׁמַיִם תִּ'שְׁתֶּה מָ'יִם. זָאגְן תְּהִלִּים אִיז אַ סְגוּלָה עֶס זָאל קוּמֶען רֶעגְן, דָאס וָוארְט "תְּהִלִּם" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים י"א, י"א) לִ'מְטַר הַ'שָּׁמַיִם תִּ'שְׁתֶּה מָ'יִם.

ח. כָּל הַמֵּצֵר בְּצָרוֹת יִשְׂרָאֵל וּמִתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם, אַף עַל פִּי שֶׁמַּטִּיחַ דְּבָרִים כְּלַפֵּי מַעְלָה אֵינוֹ נֶעֱנָשׁ. דֶער וָואס אִיז זִיךְ מְצַעֵר מִיט דִי צָרוֹת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַיידְן, אוּן עֶר אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר זֵיי, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר טוּט פָארְהַאלְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל, וֶוערְט עֶר נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶועֶן פוּן טוֹיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר, אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן.

מִיר זֶעעֶן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעֶנִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֳלָאִים רָעִים; אוּן דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּן אַ טוֹבָה, אוּן וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּעֶלְ'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אוּן נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיוּן נָאר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיבֶּערְדֶעם וֵייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ס'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, ס'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶּער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִיבֶּערְדֶעם ווָאוִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע, עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין, אוּן עֶסְן, אוּן עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בְּשַׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָּיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

אִיבֶּערְדֶעם ווָאוִיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוֹרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדּוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶען, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוֹכְן אַ תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם.

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּת'ן פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיטְ'ן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקּוּן וָואס ס'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקּוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאב אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאב דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעב אַ קוּק וָואס דָא זֶעט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דוּ זֶעסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַוַודַאי זֶעט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקּוּן, וָואס הָאב אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער ס'קוּמְט הָאט אַ תִּיקּוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידּוּכִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ מִכְתָּב שמ"ב)



# וָואס רֶעדְן מִיט תַּלְמִידִים אִין אֱלוּל?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס מְ'זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַכְט יָאר אַלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַּלְמִידִים.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵּא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶעריגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָּמוֹת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ רֶעדְן - קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי וֶועלְן ווִיסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין ווָאוּיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר ווִיל נָאר גוּטְס, עֶר ווִיל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים. דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִּיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטֶ'ע וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פָּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער: "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חַבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ (יוֹמָא פה:), אוֹיבּ מֶען טוּט וֵויי אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה נָאר מֶען מוּז יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן יֶענֶער דַארְף מוֹחֵל זַיין. זָאלְסְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ חַבֵר; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי דֶערְפוּן וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט קֶענֶען זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פַארְשֶׁעמֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן אַלֶעס אִיז דֶער מְלַמֵּד שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען רֶעדְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר, וִוי דֶער שָׂטָן וֶוערְט דֶערְפוּן צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעמִישְׁט; אַ גַאנְץ יָאר גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן פֶּעק אוּן זֶעק פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר וַוארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ קוּמֶען טַעֲנֶה'ען קֶעגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר וֶוערְט עֶר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מֶען גֵייט אִים שׁוֹין שֶׁחְטְ'ן - לוֹיפְט עֶר אַוֶועק, עֶר לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אָבֶער דִי פָּאר פוּנְקְטְן זֶענֶען זֵייעֶר וִויכְטִיג; דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תש"פ)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (רכב)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, וואוּ עֶר וֶועט גָאר שְׁוַואךְ אוּן קְרַאנְק, אוּן עֶר קוּמְט צוּבִּיסְלֶעךְ צוּ זַיינֶע כּוֹחוֹת

**תשמג**

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג, אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי טוֹבָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. נָאךְ דָארְט אִין לֶעמְבֶּערְג הָאט דֶער רֶבִּי גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, פָּשׁוּט צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. אוּן דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה אִיז פָּשׁוּט צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**תשמד**

דֶער דָאקְטֶער וָואס הָאט בַּאהַאנְדְלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זֶען אַסַאךְ צוּ רוּעֶן פַאר זַיין גֶעזוּנְט, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וָואס עֶר עֶסְט, אוּן אוֹיף דִי צַייט וֶוען עֶר עֶסְט, אוּן דָאס גְלַייכְן.

**תשמה**

פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן דָארְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, בַּאהַאלְטֶענֶע פַארְהוֹילֶענֶע זַאכְן, אַלֶעס פַאר דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן ווארִיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז כָאטְשׁ וָואס עֶס הֶעלְפְט בִּכְלַל נִישְׁט דָאס וָואס עֶר זָאגְט דָאס פָארְאוֹיס אַז עֶס וֶועט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וַוייל דִי אַפִּיקוֹרְסוּת וֶועט סֵיי וִוי קוּמֶען, וַוייל אוֹיךְ דָנִיֵּאל אוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים הָאבְּן שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין "יִתְבָּרְרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים וְהִרְשִׁיעוּ רְשָׁעִים, וְהַמַּשְׂכִּלִים יָבִינוּ" (דָנִיֵּאל י״ב, י׳), אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס שׁוֹין גֶעזָאגְט פָארְאוֹיס אַז אַזוֹי גֵייט זַיין, אַז דָאס וֶועט זַיין דֶער נִסָּיוֹן פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אַז מֶען וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיט דִי רֵיינֶע פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה, ווארִיל אִיז אִים, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דָאס וָואס אַלֶע נְבִיאִים אוּן חֲכָמִים הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וָואלְט דָאךְ לִכְאוֹרָה עֶס נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, וַוייל יֶעדֶער וֵייסְט עֶס שׁוֹין פוּן פָארְאוֹיס אוּן יֶעדֶער וֶועט זִיכֶער הָאבְּן דִי שֵׂכֶל אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועט עֶס אָבֶער נָאכְאַלְץ זַיין אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן, אוּן עֶס וֶועלְן אַסַאךְ וָואס וֶועלְן דוּרְכְפַאלְן אִין דֶעם נִסָּיוֹן, אַזוֹי וִוי דָנִיֵּאל הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט (שָׁם) "וְהִרְשִׁיעוּ רְשָׁעִים".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז פוּן דֶעסְט וֶועגְן זָאגְט עֶר עֶס יָא פָארְאוֹיס, אַז דִי בִּיסְל עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיכֶער הָאבְּן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אִין זֵייעֶר קָאפּ, אוּן דָאס וֶועט זֵיי בַּארוּאִיגְן אוּן גֶעבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן פֶעסְטְקֵייט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט פוּן דֶעם פוּן פָארְאוֹיס.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳**

# אנשי שלומינו נעמען מיט א פעקל ספרים, שמירה והצלחה אויף די וועגן

דער זייגער רוקט זיך נענטער צום הייליגן יום טוב ראש השנה, ווען מען וועט אנשרייבן פאר יעדן אײנעם וואס עס וועט פאסירן מיט אים דעם קומענדיגן יאר, יעדער גרייט זיך מיט תשובה, תפלה, און צדקה, אוועקצוטרייבן אלע שלעכטע גזירות, און פילע צענדליגע טויזנטער אידן גרייטן זיך פארן צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ער האט באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן אז ער ווייסט וואס ראש השנה איז, און אז יעדער אײנער דארף קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער וועט העלפן די אלע וואס קומען צו אים, אז זיי זאלן ווערן אנגעשריבן מיט א זיס ליכטיג געבענטשטע יאר.

מוהרא"ש פלעגט בעטן פון אנשי שלומינו אז מען זאל מיטנעמען א זעקל ספרים צו קענען מפיץ זיין אין אומאן, אדער עס איבערצוגעבן פאר די מפיצים אין אומאן, און דאס וועט זיין א שמירה אויף די וועגן, אין זכות פון די גרויסע מצוה פון מזכה זיין נאך אידישע קינדער מיט אמונה, מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי׳ן, זיי נענטער ברענגען צום אייבערשטן.

אין א בריוו דעם זונטאג פאר אנשי שלומינו שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א:

"בעט ביי די קרן הדפסה א פעקל ספרים מיטצונעמען קיין אומאן פאר הפצה, אזוי וועסטו קומען צום רבי׳ן מיטן נעמען א חלק אין הפצה. דער רבי וויל מיר אלע זאלן האבן א חלק אין מקרב זיין נשמות ישראל צום אייבערשטן, דו ווילסט נישט דער רבי זאל דיך אנשרייען וכו׳... רבי נתן דערציילט אז דער רבי פלעגט אויף אונז אסאך מאל שרייען און אונז אנרופן: "ענק זענען טריקענע ביימער", ענק געבוירן נישט קיין פירות, ענק ברענגען נישט קיין פרישע מקורבים (חיי מוהר"ן סימן תקמג).

פארבינד זיך יעצט מיט די קרן הדפסה, בעט זיי א זעקל ספרים אדער א גאנצע באקס, אין אומאן דארף מען האבן אסאך ספרים. אדער זאלסטו אליין ארום גיין אין אומאן מפיץ זיין אדער געב דאס פאר די טייערע מפיצים, געדענק ווי אזוי דו ביסט אנגעקומען צום רבי׳ן, נאר דורך א מפיץ, און אז נישט דו איז דער וואס האט דיך מקרב געווען מקורב געווארן דורך הפצה; איך בין מקורב געווארן דורך די צוויי מפיצים ר׳ ... און ר׳ ..., געווען איז דאס ערב וואס מען איז געפארן אין קאנטרי אין יאר תשס"ד, איך האב געדאווענט שחרית אין בית המדרש אונגעוואר ביי הרב הגאון רבי מנשה קליין זכרונו לברכה, דארט האב איך געטראפן די צוויי מפיצים זיי האבן מיר געגעבן א קליין ספר׳ל, אשר בנחל חלק כז, און דאס האט מיך אויפגעפלאמט, איך האב געלערנט די ספר אן א שיעור מאל במשך די זומער וואכן. (אינטערעסאנט איז, די מפיצים האבן מיר שפעטער דערציילט אז מוהרא"ש האט זיי געזאגט אהין צו גיין, מוהרא"ש האט זיי געזאגט זיי זאלן גיין הפצה אין דעם שול, זאגנדיג, אינגעלייט פארן יעצט אין די קאנטריס, זיי דארפן אסאך חיזוק וכו׳).

רוף יעצט אריין קרן הדפסה, זאג זיי דו ווילסט א פושקע ספרים, און דאס וועט זיין א גוטע התחלה פאר דיר דו זאלסט אנהייבן גיין הפצה, עס זאל ברענען אין דיר דעם רבינ׳ס פייער, עס זאל דיר גיין אין לעבן אז נאך א איד זאל וויסן פון די ליכטיגע עצות פון רבי׳ן."

און דער ראש ישיבה שליט"א ענדיגט צו דעם בריוו מיט א ברכה, "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים. א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר."

ווי די קרן הדפסה געבט איבער, האבן זיך שוין פילע אנשי שלומינו געווענדן צו זיי, צו קענען מיטנעמען ספרים פאר הפצה אין אומאן.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק יעקבזאן** הי"ו ביתר
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **מרדכי ראזענפעלד** הי"ו וויליאמסבורג
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **אלחנן זויבערמאן** הי"ו צפת
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **נתן ראזענבערג** הי"ו צפת
צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למז"ט

## ימים נוראים

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**